געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאָצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת ויצא
תשפ"ו
גליון ק"ע
שנה ה'

### אויב ויפגע מיינט זיך באגעגנט וואלט די תורה געדארפט קלאר זאגן אין וועלכע פלאץ

**וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם...** (כח, יא)

**"ויפגע"** זאגט רש"י איז א לשון פון באגעגענען, אזויווי עס שטייט 'ופגע' ביריחו 'ופגע' בדבשת. נאך א פשט ברענגט רש"י ורבותינו פירשו, אז **"ויפגע"** איז א לשון תפילה, אז יעקב אבינו האט דארט מתפלל געווען מעריב.

קען מען זאגן אז די סיבה פארוואס רש"י ברענגט אראפ נאך א פשט אז ויפגע איז א לשון פון תפלה, ווייל אויב **"ויפגע"** מיינט כפשוטו אז ער האט זיך באגעגנט, וואלט דער פסוק געדארפט קלאר זאגן **אין וועלכע פלאץ** ער האט זיך באגעגנט, אזויווי דער פסוק זאגט ופגע 'ביריחו' ופגע 'בדבשת', ווייל סתם צו זאגן אז ער האט זיך געטראפן אויף **עפעס א פלאץ**, איז דאך פשוט אז ער האט זיך נישט אנגעטראפן אין לופט - נאר אין עפעס א פלאץ! איז אויב אזוי, פארוואס זאגט דער פסוק **"במקום"** און ער זאגט נישט וועלכע פלאץ? זאגט דאך אויף דעם רש"י אז דאס גייט ארויף אויף די באוואוסטע פלאץ וואס ווערט שוין דערמאנט אין די תורה, וירא את המקום מרחוק.

איז פון וואו טאקע ווייסט מען אז די "באוואוסטע פלאץ" מיינט די הר המוריה? איז וועגן דעם ברענגט רש"י נאך א פשט, אז **"ויפגע"** איז א לשון תפילה, און דעם פארשטייט מען אליינס אז די "באוואוסטע פלאץ" אז עס זאל נתקבל ווערן די תפילות איז די הר המוריה, ממילא דארף טאקע די פסוק נישט זאגן דעם נאמען פונעם פלאץ.

### יעקב אבינו זאגט פאר די פאסטוכער אז די פריצייטיגע שקיעה איז נישט קיין קביעות'דיגע זאך

**ויאמרו שלום והנה רחל בתו באה עם הצאן. ויאמר הן עוד היום גדול לא עת האסף המקנה...** (כט, ו-ז)

וואס איז די כפל לשון **"הן עוד היום גדול - לא עת האסף המקנה"**, אויב די טאג איז נאך גרויס איז דאך אודאי נישט די צייט יעצט אהיימצוגיין? (עיין רש"י)

און בכלל איז שווער, ווי פאלט איין פאר יעקב אז די פאסטוכער האלטן דא ביים צוזאמנעמען די שאף און אהיימגיין, זיי אליין האבן אים דאך געזאגט **"והנה רחל בתו באה עם הצאן"** - אז רחל קומט הערשט יעצט צו גיין, איז דאך אודאי טראכטן זיי נישט פון אהיימצוגיין?

קען מען זאגן, אז היות אז א טאג פריער איז די זון אונטערגעגאנגען פריער פון די צייט, ווי רש"י זאגט אויף "וילן שם כי בא השמש" - מלמד ששקעה חמה פתאום שלא בעונתה, איז ווען יעקב אבינו האט געזען ווי די פאסטוכער נעמען זיך צוזאם, האט ער געטראכט אז מסתמא מיינען זיי אז נשתנו סדרי בראשית און די טעג זענען געווארן קורצער, ממילא דארפן זיי זיך שוין גרייטן צוזאמצונעמען די בהמות און אהיימגיין, און דאס וואס זיי זאגן אים "והנה רחל בתו באה עם הצאן" מיינען זיי צו זאגן, אז רחל כאפט נישט אז די טעג זענען קורצער, וועגן דעם קומט זי נאר יעצט אנטרונקען אירע שאף.

האט יעקב אבינו זיי געזאגט: מיינטס נישט אז עס איז נשתנה געווארן סדרי בראשית, "**הן עוד היום גדול**", היינט איז נאך דער טאג זייער גרויס, די פריצייטיגע זון אונטערגאנג פון נעכטן איז נישט געווארן קיין אפיציעלע זאך, איז אויב אזוי, "**לא עת האסף המקנה**" איז באמת נאכנישט די צייט צוזאמצונעמען די שאף און אהיימצוגיין.

### לאה האט מורא געהאט אז עשו זאל איר נישט פרובירן איבערצורעדן חתונה צו האבן

**וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת...** (כט, יז)

רש"י זאגט אז לאה'ס אויגן זענען געווען פארוויינט, ווייל זי האט מורא געהאט אז זי זאל נישט אריינפאלן אין עשו'ס הענט, אזויווי אלע האבן דארט גערעדט, אז לבן'ס גרויסע טאכטער וועט גיין פאר רבקה'ס גרויסע זון.

פרעגט זיך לכאורה א שטארקע קשיא, לאה איז דאך שוין געווען א גדולה, ווי די פסוק זאגט פריער **שם "הגדולה" לאה**, און אויב איז זי נאך געווען א קטנה און די פסוק קומט נאר זאגן אז זי איז געווען עלטער, וואלט געדארפט שטיין שם 'הבכירה' לאה, און אז עס שטייט **גדולה** מוז זיין אז זי איז באמת געווען א גדולה, און א גדולה איז שוין ברשות עצמה, אויב אזוי איז שווער, אז זי ווייל נישט זאל זי נישט חתונה האבן צו עשו, ווער קען איר צווינגען דערצו?!

נאר לאה האט זיכער נישט מורא געהאט אז מען וועט איר חתונה מאכן מיט עשו שלא ברצונה, זי האט נאר מורא געהאט, אז עשו וועט איר איבררעדן ביז זי וועט מסכים זיין, און פארדעם האט זי געוויינט אז זי זאל נישט ווערן איבערגערעדט פון עשו.

מיט דעם קען מען מפרש זיין די מסורה וואס ברענגט צוויי מאל וואו עס שטייט "**רכות**"; איינס דא: **ועיני לאה "רכות"**, און די צווייטע אין איוב (מ, כז): **אִם יְדַבֵּר אֵלֶיךָ "רַכּוֹת"**, אז לאה האט נאר מורא געהאט **"אם ידבר אליך רכות"** אויב עשו וועט פרובירן איר איבערצורעדן מיט ווייכע רייד אז זי זאל מסכים זיין.

## לאה איז אין אנפאנג געווען שנואה ווייל יעקב האט מורא געהאט אז עיניה רכות ווייזט אויף א פגם בנפש און מיט'ן איבערגעבן די סימנים האט רחל געמאכט אז לאה זאל ווערן אויס שנואה

**וַיֶּאֱהַב גַּם אֶת רָחֵל מִלֵּאָה... וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ...**

(כט, ל-לא)

פון "**ויאהב גם את רחל מלאה**" איז משמע, אז יעקב האט אויך ליב געהאט **לאה**, נאר רחל מער פון לאה. איז לכאורה שווער, ווייל א פסוק נאכדעם שטייט: "**וירא ה' כי שנואה לאה**" אז לאה איז גאר געווען א שנואה, און ער האט ליב געהאט נאר **רחל?**

נאר בפשטות זעט מען, אז די אהבה צו רחל איז געווען, ווייל "**ועיני לאה רכות ורחל היתה יפת תואר ויפת מראה**", אבער חלילה צו זאגן אז חיצוניות האט אויסגעמאכט ביי יעקב אבינו דער צדיק! נאר דער הסבר איז, ווי דער זוהר הק' זאגט אין פר' אמור (זח"ג צ:) אז א קרבן א בעל מום איז פסול, ווייל א פגם אינעם גוף ווייזט אויף א פגם אינעם נפש. איז ווען יעקב אבינו האט געזען אז לאה האט א פגם חיצוני אין אירע אויגן, האט ער געמיינט אז דאס ווייזט אויף א פגם אין איר נפש, אזוי ווי די גמרא זאגט (תענית כד.) אז א כלה וואס איז נישט עיניה יפות, איז כל גופה צריכה בדיקה, פארדעם האט ער מתחלה געוואלט חתונה האבן נאר מיט רחל און נישט לאה.

אבער באמת האט לאה נישט געהאט קיין פגם אין איר נפש. אדרבה, די פארוויינטע אויגן איז גאר געווען א מעלה ביי איר, ווייל זי האט נישט געוואלט חתונה האבן מיט עשו! אזויווי די גמרא פרעגט (ב"ב קכג.) אויפן פסוק "וירא ה' כי שנואה לאה"; ווי קען דען זיין אז בגנות פון א בהמה רעדט נישט דער פסוק, און בגנות פון צדיקים יא?! ענטפערט די גמרא, אז "**וירא ה' כי שנואה לאה**" מיינט צו זאגן, אז דער אויבערשטער האט געזען אז **מעשה עשו זענען שנואים ביי לאה אין די אויגן**, און וועגן דעם "ויפתח את רחמה".

אבער סוף כל סוף איז אין מקרא יוצא מידי פשוטו, און בפשטות איז משמע אז 'לאה' איז געווען א שנואה, נישט 'מעשה עשו' זענען געווען שנואים ביי איר? נאר דער אמת איז אז הא בהא תליא, אז זי האט טאקע געוויינט ווייל מעשה עשו זענען געווען שנואים ביי איר, אבער דאס האט גורם געווען אז זי זאל האבן א פגם חיצוני, וואס וועגן דעם האט יעקב אבינו חושש געווען אז זי האט א פגם אין איר נפש, און וועגן דעם איז זי אליין געווען שנואה ביי יעקב.

איז נאך וואס דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז יעקב זאל יא חתונה האבן מיט לאה, איז לאה גלייך געווארן גליקליך און פרייליך און אירע אויגן האבן אויפגעלויכטן, האט דאך יעקב אבינו גלייך געזען אז זי האט נישט קיין שום פגם און זי איז באמת א צדיקת, האט ער איר פון דעמאלטס שוין מער נישט פיינט געהאט.

און ווער האט גורם געווען אז יעקב זאל מער נישט פיינט האבן לאה? דאס האט **רחל** גורם געווען מיט'ן איבערגעבן די סימנים פאר לאה, אזוי האט יעקב חתונה געהאט מיר איר און זי האט גלייך אויפגעהערט צו וויינען. איז דעמאלטס האט יעקב באקומען א דאפלטע ליבשאפט צו רחל, סיי אלס איר אליין, און בנוסף על כך, ווייל זי האט געמאכט אז לאה זאל אויך ווערן אויס שנואה.

לויט דעם שטימט זייער גוט דער לשון אין פסוק: **ויאהב "גם" את רחל מלאה**, אז ווי נאר יעקב אבינו האט גענומען לאה, איז זי דאך געווארן אויס שנואה ווייל איר פגם חיצוני איז פארשוואונדן געווארן, איז וועגן דעם אליין: "**ויאהב גם את רחל**", האט ער נאכמער ליב געהאט רחל, פארוואס? "**מִלֵּאָה**" פון די אהבה צו לאה וואס זי - רחל - האט אים גורם געווען מיט'ן איר איבערגעבן די סימנים.

און דעם וואס דער פסוק איז ממשיך: "**וירא ה' כי שנואה לאה**", מיינט נישט צי זאגן אז יעצט איז נאך לאה געווען א שנואה, נאר די פשט איז אז דער אויבערשטער האט דאך געזען די סיבה אז לאה איז געווען שנואה ביי יעקב ווייל זי האט מורא נישט אריינצופאלן אין עשו'ס הענט, איז אויב וועט זי זיין אן עקרה וועט אפשר יעקב איר מגרש זיין, און עס וועט צוריקקומען די חשש אז עשו וועט איר נעמען, וואס אפילו רחל האט מורא געהאט פון דעם אז אויב זי וועט נישט האבן קיין קינדער וועט יעקב איר גט'ן און עשו וועט איר נעמען (רש"י להלן ל, כב), איז ווייל דער אייבערשטער האט געזען ווי ס'גייט פאר לאה אין לעבן נישט אריינציפאלן צי עשו, עד כדי כך אז זי האט געהאט אזעלכע פארוויינטע אויגן וואס דאס איז דאך געווען דער גורם אז לאה זאל בתחלה זיין שנואה, איז וועגן דעם "**ויפתח את רחמה**" האט דער אויבערשטער תיכף געגעבן קינדער פאר לאה, אזוי איז שוין בכלל נישט געווען קיין חשש אז זי וועט אריינפאלן צי עשו.

# די הייליגע צוואה

### ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות



### איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

**פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת**

הגליון נתנדב לזכות

**פיגא בת קילא**

בזכות הפצת תורת רבינו זי"ע
ישלח לה הקב"ה מהרה
**רפואה שלימה** לכל אבריה ולכל גידיה
בתוך שאר חולי ישראל

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868